אלונים 3/IV/68

ליבער דוד=הירש

מיר וועלן זיך פרייען מיט אייך. קומט. איך וויל אייך אבער דערמאנען, אז מיר וועלן זיך ניט קענען באפרייען פון דער ארבעט, אבער נאך דער ארבעט און אין אוונט זיינען מיר מיט אייך. איר וועט קענען שפאצירן און געניסן פון אונדזער פרילינגדיקער גרינקייט און בליִען – אייך הנאה האבן.

אויף פסח קריגן מיר געסט פון אמעריקע און פון תל-אביב (מיין ווייבס ברודער און זיין פרוי). מרים וויינמאן פארט זונטיק דעם 7טן קיין דײַטשלאַנד – עדות זאגן קעגן די נאצי פארברעכער. מיר וועלן לאדן וויינמאנען צו אונדז, אויך, נאטירלעך, מיט זיין פרוי.

איז ווי געזאגט, פארט די „פעקלעך" אין לאנד זיך אין וועג ארײַן. אין אלונים פארט מען: אויב איר קומט מיטן אויטא, נעמט איר דעם אויטאבוס וואס פארט אין עפולה און איר בעט דעם נהג אייך אראפצולאזן ביי [illegible] דעם שאסיי וואס פירט קיין אלונים. מיטן שאסיי איז א גאנג פון 10 מינוט. ווען אבער איר קומט מיט דער באן, נעמט איר דעם אויטאבוס 74 – אדער 75 און פארט ביז טבעון רח׳ הגפן. ווען איר קומט צו רח׳ הגפן וועט אייך יעדער קינד ווייזן דעם וועג קיין אלונים.

פון דער ידיעה, אז איר האט פאר מיר געזאמלט רעצענזיעס פרייט איך זיך. איך וויל בלויז באמערקן, אז די ערשטע צוויי רעצענזיעס פון אים האב איך (אויפן ערשטן די שאפונגען פון שטיינבערג, לוצקי. אויפן צווייטן – מ.ל. האלפערן, קולבאק, ניגער)

מיט דעם שליס איך מיין בריוו. גריס זיך [illegible] די אונדזערע אלע. יהודית גריסט אייך גאר פריינדלעך.